ב"ה. יום ו', י"ב מנחם-אב, ה'תשס"ז
(ניו יאָרק זמנים פרייטיק)

סוף זמן קריאת שמע: 9:25
ליכט בענטשן: 7:59
שקיעת החמה: 8:17
מוצאי שבת: 9:03

פרשת ואתחנן

שבת נחמו
אבות פרק ד'

לוח פאַר דער וואָך

(פרייטיק):
תהלים יומי: פרק סו-סח.
חומש יומי: ואתחנן
ששי עם פירוש רש"י
תניא יומי: [אגרת הקודש] וזהו צדק לפניו יהלך . . . -212- אבי"ר.
דף היומי: בבלי – יבמות פה.

רמב"ם יומי:
ג' פרקים ליום: הל' עבודת כוכבים פרק ז-ט.
פרק א' ליום: הל' ערכין וחרמים. פרק ז.
ספר המצוות: מל"ת יא. יב. יג. מ"ע קפה. מל"ת כה. כב. מח. נ. נא. ל. לג. לא. לב.

פתגם פון דער וואָך:
"נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם", צוויי מאָל "נחמו", אַ נחמה אויף רוחניות און אַ נחמה אויף גשמיות (חסידישע ספרים).

זאָל ג-ט אויסהיטן פון אַ וואַקאַציע אין קאָנטרי

◆ זייט עלף

Algemeiner Journal

דער
אַלגעמיינער זשורנאַל

$1.00
המחיר 5 ש"ח

PERIODICALS POSTAGE PAID AT NEW YORK, N.Y. Post Office Box 250746, Brooklyn, N.Y. 11225 • Tel. (718) 771-0400 • Fax: (718) 771-0308 • E-mail address: algemeiner@aol.com
© COPYRIGHT ALGEMEINER JOURNAL
PUBLISHED WEEKLY
Vol. XXXV No. 1825 FRIDAY, JULY 27, 2007 ב"ה, יום ו', י"ב אב, ה'תשס"ז פרייטיק, יולי 2007,27 16 PAGES PRICE ONE DOLLAR

# מוסלמענישער קאָנגרעסמאַן פראָטעסטירט אַנטי-דעפאַמעישאָן ליגעס פאַרדאַמונג פאַר זיין צוגלייכן פרעזידענט בוש צו נאַצי-דייטשלאַנד

◆ פון מענדל אַדלער

ראַטגעבער פון קאָנגרעסמאַן קעיטה עליסאָן, דער ערשטער אַמעריקאַנער מוסלמענישער קאָנגרעסמאַן, האָבן היינטיקע וואָך קריטיקירט די "אַנטי-דעפאַמעישאָן ליגע" פון בני ברית, פאַר אַ פאַרדאַמונג וואָס די "ליגע" האָט אַרויסגעגעבן קעגן דעם מוסולמענישן קאָנגרעסמאַן, ווען ער האָט פאַרגליכן די פּאָליסיס פון דער היינטיקער בוש-אַדמיניסטראַציע צו נאַצי-דייטשלאַנד.

די ראַטגעבער פון דעם שוואַרצען קאָנגרעסמאַן עליסאָן זאָגן איצט, אַז די "אַנטי-דעפאַמעישאָן ליגע" האָט פאַרדאַמט דעם קאָנגרעסמאַן, טראָץ דעם וואָס מר. עליסאָן האָט געמאָלדן דער "ליגע", אַז ער פּלאַנט צו "פאַרבעסערן" די אויסטייטשונג פון זיינע ווערטער וועגן דער בוש-אַדמיניסטראַציע, אָבער טראָץ דעם, האָבן די פירער פון דער "עי-די-על" געלאָזט הערן זייער פאַרדאַמונג פונעם קאָנגרעסמאַנס דערקלערונג.

דער מוסלמענישער קאָנגרעסמאַן פון מינעסאָטאַ, דער ערשטער מוסלמענישער קאָנגרעסמאַן אין דער אַמעריקאַנער היסטאָריע, האָט געמאַכט זיין דערקלערונג דעם אכטן יולי, אין אַ רעדע צו אַן אַטעאיסטישער גרופּע אין מינעסאַטאָ. אין זיין רעדע האָט קאָנגרעסמאַן עליסאָן פאַרגליכן די אויפפירונג פון דער בוש-אַדמיניסטראַציע נאָך די אַטאַקעס פון סעפּטעמבער 11, 2001, צו אַדאָלף היטלערס באַנוצן זיך מיטן פאַרברענען דעם "רייכסטאַג", צו באַפעסטיקן די מאַכט פון זיין נאַצי-פּאַרטיי אין דייטשלאַנד.

נאָך דער רעדע, וואָס האָט

פאָרזעצונג אויף זייט דריי


קאָנגרעסמאַן קעיטה עליסאָן

# קליימס קאָנפערענץ וועט אויסצאָלן נאָך 370 מיליאָן דאָלער

◆ פון יצחק בערסאָן

בעת די יערלעכע אסיפה פון דעם קליימס קאָנפערענץ וואָס איז לעצטנס פאָרגעקומען, האָט די פירערשאַפט פון דעם קאָנפערענץ באַשלאָסן, אַז במשך פון די קומענדיקע דריי יאָר וועט די אָרגאַניזאַציע אויסצאָלן 370 מיליאָן דאָלער צו שארית הפליטה אידן און אינסטיטוציעס פון די פאַרמעגנס וואָס זי האָט באַקומען פון מזרח דייטשלאַנד, אויף וועלכע עס זיינען נישט געווען קיינע בעלנים. דער קאָנפערענץ האָט געמאָלדן אַז זי וועט אויך אויסצאָלן מער געלט פון אַנדערע מקורות.

בעת דער אסיפה האָט דער קאָנפערענץ אויך גערופן די דייטשישע רעגירונג צו ענדלעך געפינען אַן עצה ווי צו אויסצאָלן סאָשעל סעקיוריטי פאַר געוויסע געראַטעוועטע פון די געטאָס.

בעת דער אסיפה האָט דער באָרד אָוו דירעקטאָרס פונעם קליימס קאָנפערענץ ווידער נאָמינירט הרב יהודה (דזשוליוס) בערמאַן צום אַמט פון טשערמאַן. אַ קאָמיטעט איז געשאַפן געוואָרן צו זוכן אַ נייעם פּרעזידענט, נאָך דעם וואָס דער געוועזענער פּרעזידענט הרב ישראל זינגער האָט געמאָלדן אַז ער וועט נישט לויפן פאַרן אַמט ווידער אַמאָל.


הרב יהודה (דזשוליוס) בערמאַן איז ווידער נאָמינירט געוואָרן אַלס טשערמאַן פון קלעימס קאָנפערענץ.

# נאָך 1939 יאָר


"השיבנו ה' אליך ונשובה": טויזנטער אידן האָבן געשטראָמט מאָנטיק אָוונט, תשעה באב, צום כותל המערבי, צו טרויערן אויפן חורבן בית המקדש מיט 1939 יאָר צוריק דורך די רוימער. בילד: אייטש-ען ווועב זייטל.

אַן איגרתל פון ווילנע

# איר חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן: זי איז געוואָרן די טייערסטע אידישע לערערין אין ווילנע

## ביבליאָטעקאַרין פונעם ווילנער אידישן אינסטיטוט אין ווילנער אוניווערסיטעט שילדערט ווי זי איז אינעם לעצטן מאָמענט אַנטלאָפן פון ווילנער געטאָ

◆ פון הירשע=דוד כ"ץ

מיט איעדן פאַרבייגייענדיקן טאָג, ווערט דאָך וואָסאַמאָל שווערער צו טרעפן שארית=הפליטה אידן – זיי אַלעמען צו לאַנגע געבענטשטע יאָרן און נאָכאַנאַנדיקע גוטע טעג. ווער רעדט נאָך אַזעלכע וואָס זיינען ביי דער גבורה, קיין עין=הרע, און זיינען דערצו נאָך בכח און ברצון אונדזער היינטיקער אידישער יוגנט צו דערציילן, דערציען, דערוויזן, וואָס נאָר ס'לאָזט זיך וועגן דעם חורבן ("האָלאָקאָוסט") און וועגן אידישן ווידערשטאַנד.

ווער עס קומט ביי היינטיקן טאָג אַ קוק טאָן די רעשטלעך פון דער אידישער ווילנע, אונדזער אַמאָליקן ירושלים ד'ליטא, ווערט נשתומם פון דער ענערגיע און פון דער אינעווייניקסטער פרייד וואָס ביי פאַניע בראַנצאָווסקי, וועלכע איז איצט די ביבליאָטעקאַרין פונעם ווילנער אידישן אינסטיטוט אין ווילנער אוניווערסיטעט. דאָס איז אַן אינעווייניקסטע און בהדיא=אויסשטראַלנדיקע מענטשלעכע פרייד וואָס שטאַמט ניט פון פערזענלעכער עשירות אָדער וואוילטאָג. איר מאַן און לעבנס=באַגלייטערין מיכל (מיכאַאיל) בראַנצאָווסקי, מיט וועמען זי האָט זיך באַקענט אין וואַלד, אויף דער באַזע פון די אידישע פּאַרטיזאַנער בעת דער מלחמה, איז געשטאָרבן אין 1985. זי לעבט איינע אַליין אין אַ באַשיידענער דירהלע פון יענער זייט פון טייך ווילִיע.

ניין, דאָס איז די פרייד וואָס שטאַמט פונעם יכולת איבערגעבן נייע דורות דאָס אַלץ וואָס האָט פּאַסירט אין ווילנער געטאָ און אין די אַרומיקע וועלדער. און פאַרוואָס טאַקע "פרייד"? אַפּדערוף איז דער תירוץ גראָד אַ מער=ווייניק פּשוטער: ביי פאַניע בראַנצאָווסקין, איז די מעגלעכקייט, אָט אַזויפיל יאָר נאָכן חורבן, איבערגעבן דעם יונגן דור דאָס אַלץ וואָס זי איז בכח, וועגן דעם אַמאָליקן אידיש=אידישן לעבן פון פאַר דער מלחמה, וועגן געטאָ, און וועגן אומגלייבלעך=באַהאַרצטן קאַמף קעגן די דייטשן אין די וועלדער, דאָס אַלצדינג איז אין דער בחינה פון אַ געבענטשטער סגולה, אַ סגולה וואָס שטעלט מיט זיך בעת=מעשה פאָר אַ הייליקן חוב, אַ חוב לספר בחורבן בית ישראל לא על ידי שליח, און אַפילו ניט ביי סתם עדות, נאָר ביי אַ מענטש וואָס האָט עס אַליין אַלצדינג אַדורכגעמאַכט.




פאַניע יאָכעלעס=בראַנצאָווסקי, וואָס לעבט אין ווילנע און איז אָקערשט געוואָרן פינף=און=אַכציק יאָר, באַזוכט איר אַמאָליקע פּאַרטיזאַנער באַזע אין וואַלד, פערציק קילאָמעטער אַ מהלך פון ווילנע, בכדי ווייזן אַ גרופּע סטודענטן ווי אַזוי ס'האָבן געלעבט די אידישע פּאַרטיזאַנער אין זייערע באַהאַלטענע "זיעמלאַנקעס" (אַזעלכע שטיבעלעך אויסגעגראָבענע אין דער ערד, מיט גרין=באַוואַקסענע דעכער, זיי זאָלן זיך ניט אָנזען פון די דייטשישע עראָפּלאַנען).

אויף דער באַזע האָבן געלעבט בערך הונדערט פּאַרטיזאַנער, דער גרעסטער טייל פון זיי אידן, כמעט אַלע אַנטלאָפענע פון ווילנער געטאָ. פאַניע איז ארויס פון געטאָ אין סאַמע לעצטן טאָג, דעם 23טן סעפּטעמבער 1943.

פאַניע האָט דאָ געלעבט אין וואַלד פון יענעם טאָג אין 1943 ביזן 8טן יולי 1944. זי האָט אַ פירנדיק=אַקטיוון אָנטייל גענומען אין משך פון אָט דער צייט אין אַ גרעסערער צאָל אַקציעס קעגן דער דייטשישער אַרמיי. "מיר האָבן אויפגעריסן רעלסן, באַנען, אַזעלכע פאַרבינדונגען ווי די טעלעפאָנישע סלופּעס, אויסגעפירט זאַדאַניעס (אויפגאַבן) און געמאַכט זאַסאַדעס (אַמבושן) אויף דייטשישע זעלנער. מ'האָט אומגעבראַכט פאַשיסטן".

פאַניע (פייגע) יאָכעלעס איז געוואָרן אין קאָוונע אין תרפ"ב (1922). זי איז מיט טאַטע=מאַמע – בנימין יאָכעלעס און רחל גאַלונסקי=יאָכעלעס – צו אירע פינף יאָר, אין 1927, אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע אינאיינעם מיט דער דאַמאָלסט=אָקערשט געבאָרענער שוועסטערל ריוועלע (רבקה). בימים ההם האָט דאָס געהייסן אַריבערפאָרן אַ שווערע גרעניץ: פון דער ליטווישער רעפּובליק (וועמענס הויפּט=שטאָט ס'איז דאַן געווען קאָוונע) ביז קיין פּוילן (וואו ס'איז דאַמאָלסט אַריינגעאַנגען ווילנע).


פורים תרצ"ג (1933) אין דער ווילנער אידישער שול וואָס ס'האָט אויסגעבויט די באַוואוסטע דערציערין סאָפיע גורעוויטש: די קינדער גייען פאַרשטעלט אויף פורים. פאַניע (באַצייכנט דורך אַ פייל אויפן בילד) איז אָנגעטאָן ווי אַ כינעזערין און האַלט אין האַנט אַ ווייער (האַנט=בלאָזער).

דער טאַטע בנימין, מבטן ולידה אַ ווילנער איד, האָט זיך אומגעקערט אין זיין געבורט=שטאָט, און געאַרבעט אַלס אינסטרוקטאָר אין דעם אידישן טעכניקום, צוערשט אויף גרויס=פּאָהולאַנקע און דערנאָכדעם אויף גדאַנסקער גאַס; ער איז געווען אַ ספּעציאַליסט אויף עלעקטראָ=מעכאַניק און די רעמאָנטירונג פון עלעקטרישע מאָטאָרן און זייערע קאָמפּאָנענטן. מיט דער צייט איז אים געלונגען אויך אויפפּעפענען אַן אייגענעם וואַרשטאַט אויף זאַוואַלנע גאַס מיטן נאָמען "דינאַמאָ".

אין איינעם אַ טאָג, אין 1932 אָדער 1933, האָט די גליקלעכע משפּחה זיך געלאָזט פאָטאָגראַפירן ביי דעם אַריינגאַנג אין וואַרשטאַט "דינאַמא" (אין די הינטערשטע צימערן איז געווען די דירה וואו די משפּחה האָט געלעבט): טאַטע=מאַמע, די צוויי טעכטערלעך, פאַניע (פאַניטשקע) און ריוועלע. דער פאָטאָגראַף האָט געהאַט אַ מאַכאַרייקע וואָס האָט אים אויך דערלויבט

פאָרזעצונג אויף זייט ניין

אַן איגרתל פון ווילנע

# איר חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן: זי איז געוואָרן די טייערסטע אידישע לערערין אין ווילנע

פאָרזעצונג פון דער ערשטער זייט

"אַריינצושפּרינגען" און פאַראייביקט ווערן אין אָטאָ דער פאָטאָגראַפיע.

און יענע פאָטאָגראַפיע, פון אַ גליקלעכער משפּחהלע, ווי זי שטייט פאַרן טאַטנס געשעפט, אַלע אינאיינעם, מיט ליבשאַפט זאַלבענאַנד, און מיט אַלע האָפענונגען אויף די ווייטערדיקע יאָרן, איז געבליבן ווי אַ סימבאָל פון אַ גאַנצער פאַרשניטענער וועלט פון וועלכע עס זיינען מיט נסים און וואונדער געבליבן לעבן מערניט אַ פּיצינקער חלק. פון יענעם בילד האָט נאָר איין פאַניע איבערגעלעבט די מלחמה. איר צו לאַנגע געבענטשטע יאָרן.

און אַז פאַניע=לעבן שטייט ביי היינטיקן טאָג אויפן זעלביקן אָרט, וואו עס געפינט זיך אַ מאָדערנע געשעפט פאַר צאַצקעס און מעבל פאַר רייכע הייזער, האַלטנדיק אין האַנט יענע פאָטאָגראַפיע פון אַ וועלט וואָס איז מער ניטאָ, שפּירט זיך ווייטער אַ טרייסט, אַ טרייסט אין דער עצם דערמאָנונג פון די גרויזאַם=אומגעקומענע נאָענטסטע און אייגענע, און בעת מעשה אַ געפיל פון היסטאָרישער אחריותדיקייט, אַז זי קען דאָס אַלץ ווייזן און דערציילן די וואָס כאַפּן זיך איצטער אַראָפּעט אין ווילנע אַ קוק טאָן אַ שטאָט, וועמענס ציגל, גאַסן און שטיינער עס האָבן אַמאָל געהערט גאָר אַנדערע מענטשן איידער די היינטיקע איינוואוינער.

אין סעפּטעמבער 1939 זיינען אַריין די סאָוועטן אין ווילנע. נאָך עטלעכע וואָכן האָבן זיי אָבער אָפּגעגעבן דער שטאָט צו דער ליטווישער מלוכה וואָס האָט אויף אַזאַ אופן "צוריקבאַקומען", אַזוי צו זאָגן, די היסטאָרישע קרוינשטאָט פון ליטע וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם גענעראַל זשעליגאָווסקיס חיילות פאַרן מאַרשאַל פּילסודסקיס פּוילישער רעפּובליק אין 1920טן יאָר. פאַניע איז אַוועק אין אָקטאָבער 1939 שטודירן און אַרבעטן אין ווייסרוסלאַנד. זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים קיין ווילנע אין יוני 1941, עטלעכע וואָכן איידער די דייטשן האָבן אַטאַקירט און גיך פאַרכאַפּט די מערבדיקע שטחים פון סאָוועט=רוסלאַנד (אינצווישן, אין 1940, האָבן די סאָוועטן געהאַט איינגעשלונגען גאַנץ ליטע, ווילנע בתוכה, און איר געמאַכט פאַר אַ סאָוועטישער רעפּובליק).

פאַניע (פאַניטשקע ווי ס'רופן איר פאַרצויגענערהייט גערופן די נאָענטע און אייגענע) דערמאָנט זיך אין יענע לעצטע טעג פון שלום אין ווילנע אין יוני 1941. "ווען אימיצער דערציילט מיר דאָס אַלץ וואָס האָט אונדז נאָך דעם געטראָפן, וואָלט איך אין לעבן ניט געגלייבט, און אַז שוין יע געגלייבט, וואָלט איך ניט ווידער געגלייבט אַז איך אַליין וואָלט איבערלעבן".

שוין די ערשטע טעג האָבן אַלצדינג אויף צו פאַרשאַפן די אידישע באַפעלקערונג פון שטאָט פאַרשעמונג און פאַראָרעמונג. געוועזן איין דערנידעריקונג פון מענטשלעכער ווירדע נאָך דער אַנדערער. אידן טאָרן ניט קיין אויפן טראָטואַר. אידן טאָרן ניט גיין אין קראָם, טאָרן ניט גיין אויפן מאַרק. אידן דאַרפן טראָגן אַ גרויסן J אויף זיך (שפּעטער די געלע לאַטע). די אידן דאַרפן געבן זייער האָב=און=גוטס פאַר "קאָנטריבוציעס" צו דער נייער מאַכט. און ווייטער און ווייטער.

שוין אין סעפּטעמבער 1941 האָט מען פאַניעס זיידן פון טאַטנס צד, ר' וועלוול געפירט אין פּאָנאַר, דער אָרט פון מאַסן=מאָרד פון די ווילנער אידן, און געשאָסן פאַרן "חטא הקדמון" וואָס ער איז געווען אַ איד. "איך געדענק אים זייער גוט", גיט פאַניע איבער. "אַ הויז=פאַרבער פון פאַך, אַ שיינער איד, אַ פרומער, מיט אַ קליינער בערדעלע, געלעבט אין אַ הילצערנער שטיבעלע אויף אַנטאָקאָל". מען האָט דאַמאָלסט אויך דערשאָסן זיין פרוי, פאַניעס באָבע שרה=גיסע הי"ד.

די אויספירונג פון פולשטענדיקן גענאָציד פון דער אידישער באַפעלקערונג האָבן די דייטשן "ערשט אויסגעפּראוווט" אין ליטע אין די חדשים נאָך זייער אָקופּירן דיאָ שטחים אין 1941. אין אַ סך ליטווישע שטעטעלעך האָט מען אַלע אידן געהאַט אויסגעשאָסן ביז האַרבסט. איבער גאַנץ ליטע זיינען פאַראַן הונדערטער גריבער מאַסן=קברים, שיער ניט פאַר יעדן שטעטל.

נאָר אין די גרעסערע שטעט האָט מען געמאַכט די מער דויערהאַפטיקע געטאָס פאַרן מיעוט פון ליטווישן אידנטום וואָס איז געבליבן לעבן, נאָך די ערשטע גרויליקע חדשים.

דעם זעקסטן סעפּטעמבער 1941 (פערצן טעג אין אלול תש"א) האָט מען די ווילנער אידן אַריינגעפירט מיט צוואַנג אין צוויי געטאָס: "די קליינע געטאָ" (אַרום אידישע גאַס, דעם גאונס געסל, גלעזער געסל וכו'), וואָס מ'האָט ליקווידירט אין איניקע וואָכן אַרום, און "די גרויסע געטאָ" וואָס מ'האָט ליקווידיקט מיט צוויי יאָר שפּעטער. די משפּחה יאָכעלעס האָט מען איבערגעפירט פאַקטיש עטלעכע טריט "איבערן וועג" פון זייער וואַרשטאַט און וואוינונג אויף זאַוואַלנע גאַס ביז אויף הקדש=געסל (שפּיטאָל גאַס, היינט: ליגאָנינים) אין דער גרויסער געטאָ. כאָטש דער מהלך פאַר=זיך איז טאַקע געווען "ניט מער ווי אַ פּאָר טריט" איז דאָס געווען אַן איבערגאַנג פון חירות לשיעבוד, פון לעבן ווי אַ מענטש אין דער אייגענער שטוב, ביז צו דער פאַרשקלאַפונג אין אַ פאַרשפּאַרטער, אַרומגערינגלטער געטאָ, פון וועלכער מ'טאָר ניט אַרויס.

אַביסל שפּעטער האָט מען די משפּחה אַריבערגעשיקט אויף דער פּאַראַלעלער גאַס, סטראַשון גאַס (אַ נאָמען נאָך ר' מתתיהו סטראַשון ז"ל). און דאָרטן, אין אַ פּיצינקער דירה פון צוויי צימערלעך אויפן הויף, האָט די משפּחה געלעבט איינגעקוועטשטערהייט ווי בהמות אין אַ וואַגאָן, מיט אַן ערך נאָך צוואַנציק מענטשן.

ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען, האָט זיך פאָרט ניט געוואָלט גלייבן, אַז מען גייט אַלעמען אויסהרגענען. "אין וואַרשע איז נאָך ניט געווען קיין מאַסן=מאָרד", זאָגט פאַניע. דאָס האָט מען געוואוסט פון די פּליטים פון פּוילן וואָס זיינען אָנגעקומען נאָך פאַר דער דייטשישער אינוואַזיע (יענע טיילן פּוילן האָבן די דייטשן געהאַט אָקופּירט שוין אין סעפּטעמבער 1939).

פאַניע דערמאָנט זיך: "אַז איין פרוי האָט זיך מיט נסים געראַטעוועט פון פּאָנאָר און איז צוריקגעקומען אין געטאָ, און זי האָט דערציילט, אַז מ'שיסט אויס אַלע אידן, האָט מען געמיינט אַז זי איז משוגע, ניט מיט אַלעמען".

אומגעפער אין יאַנואַר 1942, ווי ס'דערמאָנט זיך עס פאַניען, "האָט מען גענומען פאַרשטיין אַז זיי גייען טאַקע אויף אַן אמת אויסהרגענען אַלע אידן".

און עס האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן עטלעכע אָרגאַניזאַציעס אונטערערדישע, געווידמעט דעם אידישן ווידערשטאַנד. פאַניע דערמאָנט זיך, ווי אַזוי עס האָבן זיך פאַראייניקט בונדיסטן, קאָמוניסטן, "אַלגעמיינע ציוניסטן" און ביתריסטן=רעוויזיאָניסטן. מען האָט זיך געסטאַרעט פאַרגעסן אין די אַלע פאַרמלחמהדיקע חילוקי=דעותן און סיכסוכים, און מ'האָט גענומען פּלאַנירן בשותפות מיטן ניט=אידישן, אַלגעמיינעם אַנטי=פאַשיסטישן (דער עיקר: קאָמוניסטישן) אונטערערדישן ווידערשטאַנד אין שטאָט, ווי אַזוי אַריינצושמוגלען געווער אין געטאָ. טאַקע אויף סטראַשון גאַס, וואו פאַניען איז געווען באַשערט צו לעבן אין געטאָ, האָבן די אונטערערדישע קעמפער געמאַכט אין אַ קעלער אַ "שול" פאַרן לערנען זיך שיסן (דעם קעלער קען מען אויך זען ביי היינטיקן טאָג).

ס'האָט ניט לאַנג געדויערט און פאַניע איז אַריין אין דער "פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע" ("עף=פּע=אָ"). דאָס איז געווען די צענטראַלע אידישע ווידערשטאַנד=אָרגאַניזאַציע; עס איז אויך געווען אַ זייער וויכטיקע "צווייטע פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע".

אין משך פון גרעסטן טייל 1942 און אָנהייב 1943, ווי פאַניע דערמאָנט זיך, האָט מען אין אירע קרייזן נאָך געהאַלטן, אַז מ'קען און מ'דאַרף רעוואָלטירן קעגן דער דייטשער מאַכט אין געטאָ גופא. "אָבער אין יולי אומגעפער האָט מען גענומען טראַכטן וועגן אַנטלויפן צו די קעמפער=פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער". דער איבערגאַנג אינעם פּלאַן פון ווידערשטאַנד איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דעם 16טן יולי 1943 ווען די דייטשן האָבן געפאָדערט — און באַקומען — די אַרויסגעבונג צו זיי אויף דערהרגעט צו ווערן, דעם הויפּט פון דער עף=פּע=אָ, יצחק וויטענבערג. (עד היום ווייס

פאָרזעצונג אויף זייט צען



פאַניע יאָכעלעס=בראַנצאָווסקי, וואָס לעבט אין ווילנע און איז אָקערשט געוואָרן פינף=און=אַכציק יאָר, באַזוכט איר אַמאָליקע פּאַרטיזאַנער באַזע אין וואַלד, פערציק קילאָמעטער אַ מהלך פון ווילנע, בכדי ווייזן אַ גרופּע סטודענטן ווי אַזוי ס'האָבן געלעבט די אידישע פּאַרטיזאַנער אין זייערע באַהאַלטענע "זיעמלאַנקעס" (אַזעלכע שטיבעלעך אויסגעגראָבענע אין דער ערד, מיט גרין=באַוואַקסענע דעכער, זיי זאָלן זיך ניט אָנזען פון די דייטשישע עראָפּלאַנען).



פאַניע אין ווילנער געטאָ, אויגוסט 1943, אַ חודש פאַר דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון געטאָ: זי איז געווען אַ מיטגלידערין אין דער געהיימער ווידערשטאַנד=גרופּע "פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע" ("עף=פּע=אָ") אין ווילנער געטאָ. אָטאָ די פאָטאָגראַפיע האָט מען גענומען אויף צו מאַכן פאַר איר אַ פאַלשן פּוילישן פּאַספּאָרט, זי זאָל קענען אַרויס און אַוועק צו די קעמפנדיקע פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער. דער פּלאַן איז ניט געלונגען, און לסוף איז זי מיט אַ חברטע=פּאַרטיזאַנער, דאָבקע דעוועלטאָוו (וועלכע לעבט היינט אין לאָס=אַנדזשעלעס) זאַלבעצווייט אַנטלאָפן געוואָרן פון געטאָ אין טאָג פון דער ליקווידאַציע, דעם 23טן סעפּטעמבער. ביידע אידישע פרויען פּאַרטיזאַנער זיינען אָנגעקומען אויף דער באַזע אין וואַלד וואו זיי האָבן געלעבט ביז יולי 1944 ווען זיי האָבן אַריינמאַרשירט אין ווילנע בעת איר באַפרייאונג דורך דער רוסישער אַרמיי.

פאַניע האָט געהאַלטן אָט די פאָטאָגראַפיע מיט זיך אַז זי איז אַנטלאָפן פון געטאָ, און עס איז ביי איר געבליבן די אַלע יאָרן, עד היום הזה.





די שיינע משפּחה יאָכעלעס אָנהייב דרייסיקער יאָרן (1932 אָדער 1933). פאַניע יאָכעלעס (די היינטיקע פאַניע יאָכעלעס=בראַנצאָווסקי) איז די מיידעלע וואָס שטייט צו לינקס. לעבן איר שטייט אויפן בילד איר אינגערע שוועסטערל ריוועלע און טאַטע=מאַמע: בנימין יאָכעלעס, וועלכער האָט אָנגעפירט מיטן עלעקטריש=מעכאַנישן וואַרשטאַט "דינאַמאָ", און זיין פרוי רחל גאַלונסקי=יאָכעלעס.

צו רעכטס שטייט דער פאָטאָגראַף וואָס האָט גענוצט אַ מאַכאַרייקע אויף אָפּלייגן די פאָטאָגראַפירונג אויף עטלעכע סעקונדן, ער זאָל אויך קענען "אַריינשפּרינגען" אין בילד. סאַמע לינקס שטייט אַן אומבאַקאַנטע פרוי וואָס איז אויך אַריין אין בילד (אַזאַ פאָטאָגראַפיע איז פאָרט געווען אַ שטיקל געשעעניש יענע יאָרן). בנימין יאָכעלעסעס וואַרשטאַט איז געשטאַנען אויף זאַוואַלנע גאַס 33 (היינט: פּילימאָ 35).

פון איר משפּחה איז פאַניע די איינציקע וואָס האָט איבערגעלעבט די מלחמה. זי האָט ליב צו פירן סטודענטן אויף אָטאָ דעם אָרט אין ווילנע, וואו ס'איז היינט פאַראַן אַ געשעפט פאַר קעסטלעכע צאַצקעס און מעבל פאַר דער שטוב.



פאַניע מיט זיידע=באָבע (בערך 1934): ר' בן=ציון גאַלונסקי און די באָבע מרת חנה=לאה גאַלונסקי; פון דער היים איז זי געווען "אַראַנסקי", און דאָס בילד איז טאַקע געמאַכט געוואָרן אין שטעטעלע אַראַן, וואָס איז היינט וואַרענאַ אין ליטע. דאָס איז געווען אַ באַזוך אויף צו געזעגענען זיך מיט באָבע=זיידע האַרט פאַר זייער עולה זיין קיין ארץ ישראל.

